# I

# הײנט איז יום־טוב — מע טאָר נישט װײנען!

## א.

איך גײ מיט אײך אין געװעט אויף װיפיעל איהר װילט, אז קײנער אין דער װעלט איז נישט געװען אזוי צופריעדען מיט'ן װאַרעמען ליכטיגען נאָך־פּסח, װי איך, פּײסי דעם חזנ'ס יונגעל, מאָטעל, און דעם שכנ'ס קעלבעל, װאָס מע רופט דאָס „מעני" (דאָס האָב איך, מאָטעל, דעם א נאָמען געגעבען „מעני").

בײדע גלײך האָבען מיר דערפיהלט די ערשטע שטראַהלען פון דער װאַרעמער זון אינ'ם ערשטען װאַרעמען נאָך־פּסח'דיגען טאָג, בײדע גלײך האָבען מיר דערשמעקט דעם ריח פונ'ם ערשטען גרינעם גרעזעלע, װאָס קריכט, שפּראָצט־אַרויס פון דער נאַר־װאָס אָפּגעדעקטער ערד, און בײדע גלײך זענען מיר אַרויסגעקראָכען פונ'ם פינסטערען ענגשאַפט צו מקבל־פּנים זײן דעם ערשטען זיסען ליכטיגען װאַרעמען פריהלינגס־מאָרגען. איך, פּײסי דעם חזנ'ס יונגעל, מאָטעל, בין אַרויס פון א טװאַן, פון א קאַלטען נאַסליכען קעלער, װאָס שמעקט מיט זויערטײג און מיט רפואות פון דער אַפּטײק; און מעני, דעם שכנ'ס קעלבעל, האָט מען אַרויסגעלאָזט נאָך פון אײן ערגערען עפּוש: פון א קלײן, פינ־

סטער, בלאַטיג, פאַרפּאַסקודיגט שטעלעבעל מיט אויסגעקרימטע צעפליקטע ווענט, וואָס ווינטער בלאָזט־אַריין אַהין דער שניי און זומער שמייסט אַריין דער רעגן.

אַרויסגעהאַפּט זיך אויף גאָט׳ס פרייע ליכטיגע וועלט, האָבן מיר ביידע, איך און מעני, אויס דאַנקבאַרקייט צו דער נאַטור, זיך גענומען אויסדריקן אונזער צופריעדענהייט. איך, פּייסי דעם חזנ׳ס יונגעל, האָב אויפגעהויבן ביידע הענט אַרויף, אויפגעעפנט דאָס מויל און אַריינגעצויגן אין זיך די פרישע וואַרעמע לופט אַזוי פיעל, וויפיעל איך האָב געקאָנט, — און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך וואַכס אין דער הויך, און עס ציהט מיך אַרויף־אַרויף, אין דער טיעפער־טיעפער בלויער יאַרמעלקע אַריין, דאָרט וואו די שיטערע רויכיגע וואָלקענס שוועבן, דאָרט וואו די ווייסע פויגלען טוקען זיך, באַווייזען זיך און ווערען פאַרשוואונדען מיט אַ קוויטש און מיט אַ צוויטשער, און עס רייסט זיך אַרויס פון מיין אָנגעפילטער ברוסט, אָהן מיין ווילען, אַ מין געזאַנג, נאָך שענער ווי יום־טוב מיט׳ן טאַטען ביי׳ם עמוד, אַ געזאַנג אָהן ווערטער, אָהן נאָטען, אָהן אַ שום מאָטיוו, אַ מין נאַטור־געזאַנג פון אַ וואַסער־פאַל, פון יאָגענדיגע חוואַליעס, אַ מין שיר־השירים, אַ געטליכע התפעלות, אַ הימלישע באַגייסטערונג: אוי־וועה, טאַטע! אוי־וועה, פאָטער! אוי־וועה, לעבעדיגער גאָאָאָאָט!!!

אָט אַזוי האָט אַרויסבאַוויזען זיין צופריעדענהייט מיט׳ן ערשטען פריהלינגס־טאָג פּייסי דעם חזנ׳ס יונגעל. גאַנץ אַנדערש האָט דאָס אויסגעדריקט מעני, דעם שכנ׳ס קעלבעל.

מעני, דעם שכנ׳ס קעלבעל, האָט קודם אַריינגעשטעקט די שוואַרצע נאַסע מאָרדע אין מיסט אַריין, אַ שאַר געטהאָן מיט׳ן פאָדערשטען פיסעל די ערד אונטער זיך אַמאָל דריי, פאַרריסען דעם עק, אויפגעשפּרונגען נאָכדעם אויף אַלע פיער, און אַרויסגעלאָזט אַ טומפּיגען „מע!״ דער „מע״ האָט מיר אויסגעוויזען